**Titel**

פֿעלקעררעכט אויף ייִדיש.

**Felkerrekht af yidish.**

**Omslagsbild**

Kommer snart.

**Författare/Utgivare**


עגלע בענדיקײַטע און דירק ראָלאַנד האַופּט

Eglė Bendikaitė och Dirk Roland Haupt


**Innehåll**

Boken redogör på ett överskådligt sätt för den moderna folkrättens karaktär och spelregler av och lämnar ett bidrag till att återupprätta jiddisch som ett levande vetenskapsspråk. Projektet bärs upp av den anda, i vilken YIVO – Yidisher Visnshaftlekher Institut – grundades i Vilnius år 1925.

Boken består av två huvuddelar: En presentation av den moderna folkrättens grunder på jiddisch med tonvikt på det judiska folkets ställning i folkrätten åtföljs av ett flerspråkigt glossarium av folkrättsliga termer i språkföljden jiddisch–tyska–svenska–engelska–hebreiska.

דאָס פֿעלקעררעכט איז ניט קיין רעכט ווי די אַנדערע רעכט־געביטן: זײַנע כּללים דערלעבן אַ כּמעט עקספּאָנענציאַלן וווּקס, כאָטש צעפֿאַרן און אָפּשטאַמענדיק פֿון פֿילע מקורים. אָט דאָס רעכט איז גלײַכדײַטיק אַ יסודותדיקער פּראָצעס כּדי צו רעגולירן און צו קאַנאַליזירן אינטערנאַציאָנאַלע כּוחות, אַ בשותּפֿותדיקע, אומבאַגײלעכע שפּראַך, אַ נוציקע טעכניק לטובֿת די מלוכות און אַלע האַנדלענדיקע סובּיעקטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער שותּפֿישאַפֿט און דער הויפּט אַ צוזאָג פֿון שלום אָדער ווײניקסטנס פֿון באַרויִקונג. אָבער פֿון זײַן הײַנטוועלטיקן אויפֿקום אָן איז דאָס פֿעלקעררעכט אויך פֿאַרבונדן מיט אַ וועלט־סדר, פֿאַר וועלכן אומגלײַכהײַט איז כאַראַקטעריסטיש און ווו ס'גיט די גוואַלדן אַזוי פֿיל אויסקום, ווי ס'דערלויבט צו באַרויִקן זיי. מחוץ אַ יורידישע טעכניק איז דאָס פֿעלקעררעכט הײַנט – אַזש אין עבֿר – די פּראָיעקציע אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן עקראַן פֿון די ווערטן און אינטערעסן פֿון די דאָמינירנדן האַנדלונג־סובּיעקטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער שותּפֿישאַפֿט, בשעת ס'ווערט געניצט אויך דורך די כּוחות, וואָס אַנטקעגנשטעלן זיך אָט דעם הערשנדיקן סדר.

די מחברים גיבן אַן אַרײַנפֿיר אין די וויכטיקסטן טעמעס פֿונעם הײַנטצײַטיקן פֿעלקעררעכטן. דאָס ביכל ווײַזט, אַז דאָס פֿעלקעררעכט איז ניט פֿרײַ פֿון צווײ־טײַטשיקײטן, און באַלײַכט די איצטיקן טענדענצן לגבי מיט זײַנער געשיכטע. ס'איז געשריבן אויף ייִדיש און ס'זאָל זײַן אַ קלײנער צושטײַער ווידער אָפּצוריכטן די שפּראַך בתּורת אַ וויסנשאַפֿטלעכע שפּראַך – וואָס ייִדיש איז געווען, ווען ייִוואָ איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1925.

**Publikationsdatum**

2022-08-21.

### Produktinformation

Tryckt bok: Klotband. Första upplagan. C:a 208 sidor.

E-bok: PDF.


**ISBN-streckkod tryckt bok**

ISBN 978-91-986003-7-7

**ISBN-streckkod e-bok**

ISBN 978-91-986003-8-4


### Om författarna



ד״ר עגלע בענדיקײַטע **(dr Eglė Bendikaitė)** איז זינט 2001 אוניווערסיטעט־לערערין פֿאַר ייִדיש בײַם ווילנער ייִדיש אינסטיטוט אין ווילנער אוניווערסיטעט, און זינט 2002 אָנגעשטעלט בתּורת פֿאָרשערין בײַם ליטווישן אינסטיטוט פֿאַר געשיכטע אין ווילנע. זינט 2012 פֿאָרשט זי בײַם אינסטיטוט פֿאַר גלאָבאַלע און אייראָפּעישע שטודיעס אין לייפּציגער אוניווערסיטעט. 2006 האָט זי אויסגעגעבן דאָס בוך „די ציוניסטישע באַוועגונג אין ליטע“ (אויף ליטוויש). ד״ר בענדיקײַטע פֿאָרשט וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדישע פּאָליטישע און קולטורעלע באַוועגונגען אין ליטע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, דער געשיכטע פֿון אַנטי-סעמיטיזם אין ליטע און דער געשיכטע פֿון וואַנדערונגען פֿון ייִדן אין ליטע. זי האָט אָרגאַני- זירט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סימפּאָזיון „דאָס לעבן, ווערק און ווירקן פֿון יעקבֿ ראָבינזאָן“ דעם 22סטן אָקטאָבער 2007 אין קאָוונע. ס'איז געווען געווידמעט דעם פֿעלקעררעכט־יוריסט, פּאָלי- טיקער און היסטאָריקער יעקבֿ ראָבינזאָן. בײַם אינסטיטוט פֿאַר גלאָבאַלע און אייראָפּעישע שטודיעס אין לייפּציגער אוניווערסיטעט האָט ד״ר בענדיקײַטע געפֿאָרשט וועגן „סוּווערעניטעט און נאמנות פֿאַר דער ייִדישער אומה. נײַע באַטראַכטונגען אויף אייראָפּעישן נאַציאָנאַליזם און די מאָדערניסטישע באַנײַונג פֿונעם פֿעלקעררעכט: דער פֿאַל פֿון שמשון רוזנבוימען, דעם ליטוואַקישן ציוניסט און מלוכה־מאַן“.



דירק ראָלאַנד האַופּט **(Dirk Roland Haupt)** האַט שטודירט יוריס- פּרודענץ אין געטעבאָרגער אוניווערסיטעט און געפֿאָרשט אין פֿעל- קעררעכט אין אוניווערסיטעט פֿון לונד, שוועדן. ער האָט פּובליקירט ביכער און אַרטיקלען אד״ט אינטערנאַציאָנאַל הומאַניטאַר רעכט, אינטערנאַציאָנאַל רעכט פֿאַר גאַראַנטיעס לטובֿת אינוועסטיציעס אין אויסלאַנד און יורידישע פֿראַגעס וועגן פֿאַרטיידיקונג־אײַנשאַ- פֿונגען און עקספּאָרט־קאָנטראָל. ער איז אָנגעשטעלט בתּורת פֿעל- קעררעכט־יוריסט מיט פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם פֿעלקער- רעכט פֿאַר באַוואָפֿנטע סיכסוכים און וואָפֿן־קאָנטראָל, סײַבער־ אָפּעראַציעס און פּטראַקטאַטן־רעכט, פֿאַר דעם פֿעלקעררעכט, וואָס איז חל אויף די סיכסוכים אין נאָענטערן מיזרח. ער איז אַ מיט- גליד בײַם שוועדישן צווײַג פֿון דער פֿעלקעררעכט־אַסאָציאַציע (שטאָקהאָלם) און בײַ דער ינטערנאַטיאָנאַלער אַסאָציאַציע פֿון ייִדישע אַדוואָקאַטן און יוריסטן („הארגון הבינלאומי של עורכי־דין ומשפטנים יהודים“, תל אביב).


JUS GENTIUM VADSTENA